וואס בפשטות מיינט עס, אז יעדער איד דארף ליב האבן אנדערע אידן און זיי מקרב זיין לתורה. ביז אויך אזוינע אידן וואס ווערן אנגערופן בשם "בריות", ד.ה. זיי שטייען בדרגא נמוכה ביותר[118], אין חוץ, און אויך זיי מקרב זיין לתורה.

און ניט אין אן אופן אז היות זיי זיינען בריות, נעמט מען עפעס אראפ פון תורה און מ׳מאכט פשרות, און מ׳איז מוריד די תורה צו זיי ח"ו, נאר אדרבה - "ומקרבן לתורה", מ׳דארף זיי אויפהויבן און מקרב זיין לתורה, באופן אז תורה בלייבט בשלימותה כמו שהיא.

און דעמולט ווערט אחדות כל ישראל, "גוי אחד בארץ"[119], ווארום מ׳פארבינדט אלע אידן מיט תורה <u>אחת</u>, א תורה תמימה, נגלה דתורה צוזאמען מיט פנימיות התורה (כנ"ל ס"י).

וואס דורך דעם פועל׳ט מען אויך כביכול אחדות אין אלע דרגות באלקות, ביז אז ס׳ווערט אויך בעולם, כשם שאני נכתב כך אני נקרא[120], "ה׳ אחד ושמו אחד"[113], ביז אז אפילו א גוי בעולם דערהערט דעם שם המפורש כפי שאני נכתב.

און צוזאמען מיט אחדות בתורה, תורה אחת, שלימות התורה, האט מען שלימות הארץ, ארץ אחת, און שלימות העם, "גוי אחד בארץ",

און "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו"[121], "קהל גדול ישובו הנה"[122], גייט מען ארויס פון גלות, און מ׳גייט אריין אין דער גאולה האמיתית והשלימה כפשוטה, ווי דער רבי מהר"ש האט געזאגט אז מ׳דארף האבן די גאולה כפשוטה למטה מעשרה טפחים, ובמהרה בימינו ממש.

* * *

יט. בהמשך* להמדובר לעיל וועגן אויפטו פון בעל יום ההולדת, לחבר דעם לימוד פון תורת החסידות

- ולימוד -

---

*) מכאן עד אמצע סעיף כא הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א.

---

118) ראה תניא פל"ב (מא, ב). 119) ש"ב ז, כג. 120) פסחים נ, א. 121) בא י, ט. 122) ירמי׳ לא, ח.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

ולימוד תורת הנגלה איז אן אופן פון תורה תמימה[123]

– וועט מען ריידן אן ענין אין נגלה (בקצרה) בשייכות צו וואס ס'האט זיך פריער גערעדט אז היינטיקער יאר ווערט מאה שנה להתחלת הנשיאות פון דעם בעל יום ההולדת [וואס די הולדת שלו איז געווען לפני קכ"ג שנה, און דער ענין פון מאה שנה איז פארבונדן מיט התחלת נשיאותו]. די הסתלקות פון אביו, דער רבי מהר"ש, איז געווען בשנת תרמ"ג, ובא השמש וזרח השמש – האט זיך גלייך[124] אנגעהויבן די נשיאות פון בנו ממלא מקומו.

איז דא די שאלה הידועה: אין דעם "מבוא" צום קונטרס "חנוך לנער"[125] (די צוואה הראשונה פון דעם בעל יום הולדת) זיינען געדרוקט די "ראשי פרקים מתולדות ימי חיי" פון דעם רבי"ן מהורש"ב, געשריבן פון נשיא דורנו, און דארטן שרייבט ער בקשר לשנת תרנ"ד: "התחל מערבית ליל ר"ה תרנ"ד קבע מקום תפלתו בביהכ"נ במקום שהתפלל כ"ק אביו אדמו"ר מהר"ש – עד אז התפלל במקומו המיוחד לו בביהכנ"ס עוד בחיי אביו".

עפ"ז קומט אויס, לכאורה, אז די התחלת הנשיאות שלו איז געווען פון ר"ה תרנ"ד; און ניט אין שנת תרמ"ג?

כ. אזוי ווי דאס איז א שאלה אין אן ענין הכי עקרי, נוגע למעשה בפועל וכו' וכו' – איז פשוט אז לכל לראש דארפן זוכן אין הלכה, אין די דינים פון א נשיא ומלך (ווארום א נשיא דנדו"ד איז א מלך, שסימנו וגדרו כדאיתא בהוריות[126] "איזהו נשיא זה מלך.. שאין על גביו אלא ה' אלקיו" און ניט, להבדיל, א בשר ודם וואס זאגט עס צו אז כסף וזהב ירבה לו, און כבוד וחמשים איש רצים לפניו וכו' – ווי אדני' האט געטאן[127]).

- איך -

---

123) ראה שיחת כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע שמח"ת תרנ"ט בעת הקפות – התמים חוב' א' כה, א [יד, א]. הוספה לסה"מ תרנ"ט ע' רכג-רכה. וראה אגרות קודש – אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפד. 124) ראה יומא לט, ב. וש"נ. וראה "ראשי פרקים מתולדות ימי חיי אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע" – "היום יום" בתחלתו. "פתח דבר" לסה"מ תרמ"ג הערה 1. 125) הוצאת קה"ת – ע' 12. וראה לקו"ד ח"א קמד, א. 126) י, א (במשנה). 127) מלכים א' א, ה.

SichosKodesh.com

אין אלטן רבי'נס שו"ע, ולפני זה אין שו"ע פון ב"י זיינען ניטא (בגלוי) די הלכות מלך - אבער אין רמב"ם, בספרו משנה תורה, איז דער סיום וחותם הספר "הלכות מלכים (ומלחמותיהם)".

געפינט מען אין רמב"ם א דין (בנוגע למלך) וואס איז ע"ד די שאלה האמורה בנוגע לנשיאות אדמו"ר מהורש"ב נ"ע:

דער דין איז[128], אז "כשמעמידין המלך מושחין אותו בשמן המשחה" [מלכי בית דוד מיט שמן המשחה, און מלכי ישראל "בשמן אפרסמון"[129]]. אבער א "מלך בן מלך" דארף קיין משיחה ניט האבן[130], ווייל "המלכות ירושה למלך לעולם"[131].

- דאס איז ניט אן ענין לגריעותא ח"ו, אז ביי א מלך בן מלך פעלט ח"ו דער ענין המשיחה, נאר דער פשט דערפון איז, אז די משיחה פון דעם אב ווערט נמשך אויפן בן. כשם ווי ביים אב עצמו, דארף ער ניט האבן קיין משיחה בכל יום, נאר די איין און איינציקע משיחה* שבתחלת נשיאותו ווערט נמשך בכל ימי חייו, כמו"כ ווערט עס נמשך על בנו. ויומתק ע"פ המדובר כמ"פ, אז א יורש איז עצם המוריש[132] [ובפרט במלכי בית דוד וואס "המלכות לו ולבניו .. עד עולם"[128]] -

בשעת אבער אז ס'איז דא א ספק צי דער בן גייט זיין דער מלך [ווייל ס'איז דא אן עלטערע ברודער, וכיו"ב] - דארף ער האבן משיחה, ווי דער רמב"ם איז מבאר[133] אז דערפאר "משחו שלמה מפני אדוני' .. יהואחז מפני יהויקים אחיו".

- אין -

---

*) וכה"ג לכתחילה צ"ל ז' ימים, אבל כולם צ"ל זא"ז בתחלת הנשיאות (רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ד הי"ג - הובא לקמן בפנים סכ"א). והשייכות לכאן (אף שמדובר במלך) - כי הנשיאים דנדו"ד הי' עיקר בנשיאותם "בהעלתך את הנרות" נש"י, ותפלה בעד כו' ועד לעורר "רחמיך וסולח לעדת ישורון". - ולהעיר ממלכי חשמונאי הכשרים. ונשיא הא' משה - הי' מלך וכה"ג.

---

128) רמב"ם שם פ"א ה"ז. 129) שם ה"י. 130) שם הי"ב. הל' כלי המקדש פ"א הי"א. 131) הל' כלי המקדש שם. 132) ראה שו"ת צפע"נ דווינסק ח"א סקי"ח. מהדו"ת יט, א. ועוד. 133) הל' מלכים שם הי"ב. הל' כלי המקדש שם.

כא. אין דעם אבער, קען מען לערנען אויף צוויי אופנים:

א) די משיחה טוט אויף ער זאל ווערן א מלך. און איידער מ'איז אים מושח איז ער ניט קיין מלך.

ע"ד ווי די משיחה הראשונה - וכפס"ד הרמב"ם בנוגע לכה"ג אין הל' כלי המקדש[134], אז א כהן גדול (כהן המשוח), וואס ער דארף האבן "משיחה בשמן שבעה יום אחר יום", אז "ואם עבד..קודם שימשח כל שבעה עבודתו כשירה הואיל .. נמשח פעם אחת נעשה כה"ג לכל דבר". וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויב עבד קודם שנמשח פעם אחת איז עבודתו פסולה. משיחה טוט אויף דעם ענין פון כהונה גדולה, פאר דעם איז ער ניט קיין כה"ג. ועד"ז - מובן בא מלך - וועלכן דער רמב"ם ברענגט דארט בחדא מחתא מיט כה"ג - בנוגע לקרבנותיו וכו'.

ב) דורך דער משיחה איז איגלאי מילתא למפרע אז ער איז לכתחילה געווען (דער יורש, און) מלך.

און א נפק"מ להלכה: (רוב פון) די קרבנות פון א מלך וואס טוט א חטא (בשוגג) זיינען אנדערש פון די קרבנות פון א הדיוט שחטא[135]. וואס אין דעם איז נוגע זיין מצב בשעת'ן חטא: אויב דער חטא איז געווען בשעת ער איז נאך געווען א הדיוט, איז אפילו אויב ער איז גלייך דערנאך געווארן א מלך, דארף ער ברענגען א קרבן (על חטא זה) ווי א הדיוט.

קומט אויס בנדו"ד, אז עס וועט זיין א נפק"מ (צווישן די צוויי אופנים הנ"ל) בנוגע די קרבנות אויף א חטא וואס ער האט געטאן צווישן מיתת אביו המלך און זיין משיחה; אויב מ'זאל זאגן, אז די משיחה טוט אויף אז ער זאל ווערן א מלך, אבער לפנ"ז איז ער ניט קיין מלך, דארף ער ברענגען א קרבן ווי א הדיוט; אויב אבער די משיחה איז מגלה אז מלמפרע איז ער געווען א מלך, דארף ער ברענגען א קרבן ווי א מלך.

און דער בירור אין אט דער חקירה, וועט אויך זיין א בירור לענינינו, וועגן דער נשיאות פון רבי'ן נ"ע, וואס אויך דא איז געווען א עלטערע ברודער, ובפרט אז דער רבי נ"ע אליין האט מפליא געווען די גדלות פון אחיו.

- ובמילא -

----

134) פ"ד הי"ג. 135) רמב"ם הל' שגגות פ"א ה"ד.

SichosKodesh.com

ובמילא איז די נשיאות ניט געקומען בדרך ממילא, נאר ער האט געדארפט האבן "משיחה". וואס די "משיחה" שלו איז געווען ערשט בשנת תרנ"ד, וואס דעמאלט "קבע מקום תפלתו .. במקום שהתפלל כ"ק אביו" (אבער ניט לפנ"ז).

נאר אין דעם גופא קען מען זאגן אויך צוויי אופנים (ע"ד הנ"ל בנוגע למשיחת מלך בן מלך): א) אז זיין נשיאות האט זיך אנגעהויבן פון דעמאלט. ב) נאך דער "משיחה" בשנת תרנ"ד, איז אגלאי מילתא למפרע, אז ער איז געווען דער נשיא תיכף לאחרי הסתלקות אביו.

כב. באמת אבער, איז פון רמב"ם משמע, אז די משיחה פון א מלך בן מלך איז ניט אויף אויפטאן זיין מלוכה: זאגנדיק דעם דין[130], אז א מלך בן מלך "שהיתה שם מחלוקת" דארף האבן משיחה, איז דער רמב"ם מוסיף דעם טעם - "כדי לסלק המחלוקת".

- מאמר המוסגר: דעם ענין ברענגט דער רמב"ם סיי אין הל' כלי המקדש און סיי אין הל' מלכים, נאר מיט א שינוי: אין הל' כלי המקדש איז דער רמב"ם מוסיף "ולהודיע לכל שזהו מלך לבדו". ולכאורה פארוואס זאגט ער ניט דעם ענין אויך אין הל' מלכים - דער ארט פון דעם וואלט מער געפאסט אין הל' מלכים (וואו עס רעדט זיך וועגן עניני מלכים) מער ווי אין הל' כלי המקדש?

לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן ע"פ הכלל הידוע[136] אז דער רמב"ם (בספר היד) פארלאזט זיך אויף וואס ער האט געשריבן לפנ"ז. ועד"ז בעניננו: אזוי ווי הל' כלי המקדש קומען לפני הל' מלכים, איז דער רמב"ם מקצר אין הל' מלכים און שרייבט בלויז כללות הענין, און פארלאזט זיך על מ"ש בהל' כלי המקדש.

אבער דאס איז א דוחק גדול, ווייל: א) דא רעדט זיך אינגאנצן וועגן עטלעכע ווערטער, ב) ועיקר: דער ענין פון "להודיע לכל שזהו מלך לבדו" איז אן ענין עיקרי אין מלוכה, ווייל א מלך איז ניט (נאר) לעצמו, אז ווען ער ווערט א מלך, ווערן ביי אים נתגלה העכערע כחות, נאר צוליב'ן עם, אז דער עם נעמט אים אויף אלס מלך,

ובמילא מוז זיין ידוע לכל אז ער איז דער "מלך לבדו",

[וע"ד ווי דער רמב"ם זאגט[137] "אין מעמידין מלך ..

----

136) יד מלאכי כללי הרמב"ם כלל ו. 137) הל' מלכים שם ה"ו.

לא ספר .. ולא בורסי, לא מפני שהן פסולין אלא הואיל ואומנותן נקלה העם מזלזלין בהן לעולם"],

ובמילא האט דער רמב"ם אין הל' מלכים געדארפט לכאורה מדגיש זיין אז די משיחה איז ניט נאר "לסלק המחלוקת" (פון אחיו), נאר צוליב דעם ענין פון (כבוד) מלוכה גופא, "להודיע לכל שזהו מלך לבדו".

דערפון איז משמע, אז עס זיינען פאראן צוויי ענינים: א) ווי דאס איז א דין אין הל' (כלי המקדש), שמן המשחה, וואס אין דעם איז נוגע אויך דעם ענין פון "להודיע לכל שזהו מלך לבדו"; ב) ווי דאס איז א דין אין הל' מלכים, וואס מצד דעם איז גענוג דעם טעם פון "לסלק המחלוקת". ואכ"מ. -

בנוגע לענינינו: פון דעם וואס דער רמב"ם זאגט אז דער טעם המשיחה איז "כדי לסלק המחלוקת", איז פארשטאנדיק, אז די משיחה איז ניט צו אויפטאן מלוכה, נאר כדי צו באווארענען א זייטיקן ענין (מחלוקת וכו'), אבער זיין מלוכה ווערט תיכף נאך מיתת אביו.

ועד"ז בעניננו, אז אע"פ אז די "משיחה" פון רבי'ן נ"ע איז ערשט געווען בשנת תרנ"ד, איז אבער דורך דעם אי גלאי מילתא למפרע אז זיין נשיאות האט זיך אנגעהויבן גלייך בשנת תרמ"ג.

כג. די הסברה איז אבער ניט מספיק. ווייל: א) עס זיינען פאראן דיעות[138] אז אויך די משיחה פון א מלך בן מלך שהיתה שם מחלוקת טוט אויף זיין מלוכה. ב) אפילו לויט דעת הרמב"ם אז דאס איז בלויז "כדי לסלק המחלוקת", איז אבער דאס גופא אז זיין מלוכה איז אין אן אופן אז עס קען זיין אויף איר א מחלוקת (מצד אחיו) ווייזט, אז זיין מלכות איז ניט בשלימות.

אבער אין אמת'ן איז די גאנצע שקו"ט הנ"ל ניט נוגע לעניננו, ווייל אין אונזער פאל האט זיך די נשיאות פון רבי'ן נ"ע מלכתחילה אנגעהויבן תיכף לאחרי הסתלקות אביו.

דער ביאור בזה:

אין דעם ענין פון "משיחה" איז א חילוק צווישן

- א מלך -

----

138) רש"י ד"ה ומפני - כריתות ה, ב. וראה שו"ת דברי נחמי' חאה"ע סמ"ח. שו"ת אבנ"ז יו"ד סשי"ב. שו"ת צפע"נ ווארשא סרמ"ח. סרצ"ד (הובא בצפע"נ (מלוקט) להל' כלי המקדש שם). ועוד.

SichosKodesh.com

א מלך כפשוטו, בזמן הבית, און א נשיא אין זמן הגלות. א מלך כפשוטו דארף מען מושח זיין בגשמיות - מיט בוימל כפשוטו. מען קען דאס ניט פארבייטן אויף אנדערע ענינים גשמיים, ועאכו"כ ניט אויף ענינים רוחניים. משא"כ ביי א נשיא בזמן הגלות, איז אע"פ אז דאס איז אך עניין פון מלך, פונדעסטוועגן, איז ניטא קיין עניין פון משיחה בגשמיות* אויך ניט דורך שמן אפרסמון, מען געפינט ניט משיחה זו ניט בא ריש גלותא בבבל ניט בא רבנו הקדוש. וצע"ג בנוגע למלכי ונשיא - בזמן בית שני.

נאר דער עניין המשיחה ביי א נשיא בזמן הגלות איז אנדערע זאכן - אין די עניני הנשיאות שלו. - ועפ"ד ההלכה - כלים שעשה משה משיחתן מקדשתן מכאן ואילך עבודתן מחנכתן[139]. וואס אין דעם זיינען פאראן כמה ענינים (נוסף ע"ז וואס יושב על כסא), ובכללות: זיין הנהגת הנשיאות, און דאס וואס דער עם איז מקבל אים אלס זייער נשיא.

"עבודתה" בנוגע לנשיאות כבנדו"ד - איז זאגן חסידות - ניט נאר חזר'ן חסידות, נאר זאגן חסידות. ואדרבה - אין דעם באשטייט עיקר עניין הנשיאות, להרים דת האמת כו' ולהלחם מלחמת ה' (היצר) כו' לעשות משפט[140], יפוצו מעיינותיו חוצה.

געפינט מען ביים רבי'ן נ"ע, אז ער האט אנגעהויבן זאגן חסידות (ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר שרייבט אין די ראשי פרקים הנ"ל[141]) גלייך נאך הסתלקות אביו: "מאמר הראשון אשר אמרו ברבים ביום ב' דחג הסוכות" - וואס דאס איז נאך געווען אין די ז' ימים שלאחרי ההסתלקות [דער עניין פון די שבעת ימים לגריעותא (אבילות) איז בטל געווארן גלייך ווי עס איז געווארן סוכות[142], אבער בודאי זיינען פאראן ענינים למעליותא בשייכות להסתלקות וואס האבן א שייכות לז' ימים הראשונים] - איז אין די ז' ימים האט ער שוין געזאגט חסידות ברבים.

כד. מען קען זיך נאך דינגען אויף דעם - איז דא

- דערויף -

---

*) ולא אשתמיט בשום מקום לומר שמשחו רבנו הקדוש (ונשיאים שלפניו). ועוד באם משחוהו (או כיו"ב) אין מקום לשאלתו כגון אני מהו כו' (הוריות יא, ריש ע"ב).

---

139) שבועות טו, רע"א. וש"נ. 140) רמב"ם הל' מלכים פ"ד ה"י. וראה שם פ"א ה"ח. 141) ע' 11.
142) שו"ע או"ח סתקמ"ח ס"ז.

דערויף א רמז גלוי: דער מאמר וואס דער רבי נ"ע האט געזאגט בחג הסוכות הנ"ל "מתחיל כתר יתנו לך", וואס כתר איז ענין הכי עקרי בענין המלוכה*.

ובפרט לויט ווי דער בעל יום הולדת איז מבאר בכמה מאמריו דעם ענין פון די כתרים וואס אידן מאכן (דורך די מלאכים) פארן אויבערשטן, און ברענגט דער משל המדרש[143] פון די בני המדינה וואס האבן געמאכט ג' כתרים פאר דעם מלך, און דער מלך נטל אחד לעצמו ושנים נתן בראש בניו. וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער "כתר יתנו לך" איז אויך פארבונדן מיט די כתרים שנותן בראש בניו.

נאך א נקודה בזה: דער "כתר יתנו לך" ווערט אויפגעטאן דורך בני המדינה, דער עבודה פון אידן, כמאחז"ל[144] אז מט"ט קושר כתרים לקונו מתפלותיהן של ישראל (ווי דער בעל יום הולדת ברענגט במאמריו). ד.ה. אידן זיינען די וואס זיינען מכתיר דעם אויבערשטן (און דאס גייט דורך מלאכים). וואס בכללות איז דאס די עבודה פון ר"ה, ווען אידן טוען אויף דעם "תמליכוני עליכם"[145].

און פונקט ווי דער ענין פון "תמליכוני עליכם" ("כתר יתנו לך") איז פארבונדן מיט דעם "ראש" אין זמן (ראש השנה) - עד"ז איז דאס פארבונדן מיט דעם "ראש" פון אידן.

כה. מכל הנ"ל איז פארשטאנדיק, אז דאס גופא וואס דער רבי נ"ע האט געזאגט א מאמר חסידות ברבים תיכף לאחרי הסתלקות אביו, און דערצו א מאמר המתחיל כתר יתנו לך, ובפרט אז דאס איז געזאגט געווארן בחג הסוכות וואס איז פארבונדן מיט שלמה המלך, און חנוכת הבית[146] ע"י וישב שלמה על כסא הוי'[147] - איז דאס גופא דער ענין המשיחה והתחלת הנשיאות בפועל. און מען דארף ניט אנקומען צו די הסברה הנ"ל פון איגלאי מילתא למפרע.

עס בלייבט אבער ניט פארשטאנדיק: לפ"ז, פארוואס - האט -

---

*) ראה מג"א (י. ט-יא. ובפרש"י שם) דכתר לא ניתן בפועל. וראה רמב"ם הל' מלכים רפ"ב וה"ה שם. ועוד.

---

143) ויק"ר פכ"ד, ח. 144) ראה הערה בסה"מ תש"ד ע' ... וש"נ. 145) ר"ה טז, א. לד, ב. 146) הפטורת יום ב' דחגה"ס (מ"א ח, ב ואילך). 147) דה"א כט, כג.

SichosKodesh.com

האט דער רבי נ"ע געווארט מיט קובע זיין מקום תפלתו בבית הכנסת במקום שהתפלל אביו ביז תרנ"ד?

איז דאס א באזונדערע שאלה, וואס איז ניט נוגע און ניט גורע דעם ביאור בנדו"ד. און יעדערער זאל דאס פארענטפערן פאר זיך.

וי"ל קרוב לודאי אז דער רבי נ"ע האט ניט קובע געווען מקום תפלתו במקום אביו ביז תרנ"ד צוליב כבוד אחיו הגדול. און דערנאך איז אחיו אוועקגעפארן, אדער אז נאך תרנ"ד (נאך צען יאר) האט מען דאס (שינוי מקום תפלתו) שוין ניט געקענט אפלייגן מאיזה סיבה.

כו. וויבאלד אז דער רבי נ"ע איז געווארן א נשיא בישראל בשנת תרמ"ג (כמבואר לעיל), ווערט השנה מאה שנה פון התחלת נשיאותו - במילא איז בשנה זו, ובפרט בכ"ף מרחשון, יום הולדתו, ווען מזלו גובר[148], באקומט כאו"א נתינת כח במיוחד פון דעם רבי'ן נ"ע אויף פירן זיך בכל הענינים בדרכיו,

וואס בכללות איז דאס - התעסקות אין הפצת המעינות חוצה. ובמיוחד - לימוד התורה, מבצע תורה, נגלה דתורה ביחד מיט פנימיות התירה (בהקדמת ברכת התורה), ווי ס'איז געווען בא דעם רבי'ן נ"ע, אז ביום ב' דחגה"ס איז געווען אמירת דא"ח מיטן ד"ה כתר יתנו לך, און צוזאמען מיט עבודת התפלה, וואס "כתר יתנו לך" איז פארבונדן מיט עבודת התפלה, וואס דורך דעם איז מלאך מט"ט קושר כתרים לקונו, וואס בתפלת ישראל דארף מען אנקומען צו די מלאכים אז ס'זאל זיין גפיף להון ומנשק להון כו'[149].

ובפרט אז כ"ף חשון בשנה זו קומט אויס ביום השבת, וואס שבת איז פארבונדן מיט (פנימיות הנפש, וואס דאס איז בכללות - כח ה)תענוג, וועלכער איז פנימיות הכחות. וואס בתורה איז דאס פנימיות התורה.

און דורך כללות מעשינו ועבודתינו איצטער ובמיוחד דורך הפצת המעינות חוצה, איז מען נאכמער מקרב וממהר דעם קאתי מר דא מלכא משיחא[150], במהרה בימינו ממש.

* * *

- כז. -

----

148) ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ח ובקה"ע שם. 149) ראה זח"א כג, ב. ח"ב רא, ב. ועוד. 150) אגה"ק הידועה דהבעש"ט - נדפסה (גם) בכש"ט הוצאת קה"ת בתחלתו. ובכ"מ.

און דאס איז ניט קיין עניך פון גזירת הכתוב, נאר ס'איז מובן בשכל: וויבאלד אז מ'איז מאמין אין א בורא עולם, ווייסט מען אז "השפט כל הארץ" איז זיכער "יעשה משפט"[96], במילא בשעת איינער איז מחי' נפש העני, טוט אזוי דער אויבערשטער מיט אים.

כא. וואס דאס איז די הוראה וואס מ'נעמט ארויס פון "חיי שרה", אין וואס א איד דארף ליגן און מיט וואס ער דארף לעבן.

און בשעת א איד טוט אין דעם באופן של יגיעה, איז א זיכערע זאך אז "יגעתי ומצאתי"[97], באופן של מציאה מער וויפל ער האט זיך גערעכט.

ביז אז מ'קומט פון פ' חיי שרה צו פ' ואלה תולדות יצחק, וואס איז פארבונדן מיט די גאולה האמיתית והשלימה, ווייל דעמולט וועט מען זאגן ליצחק כי אתה אבינו[98], וואס בזכותו קומט די גאולה.

ובפשטות - אז דורך טאן אין די אלע ענינים האמורים לעיל איז מען נאך מער מקרב די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ומתוך שמחה וטוב לבב, ביז "ושמחת עולם על ראשם"[99], "אז ימלא שחוק פינו"[100] (פארבונדן מיט יצחק[101]),

במהרה בימינו ממש ובעגלא דידן.

* * *

כב. כאן המקום צו משלים זיין דאס וואס מ'האט אנגעהויבן ריידן אין דער התוועדות שלפנ"ז[102] אין דעם עניך פון משיחת מלך, בקשר ליום כ"ף חשון, יום ההולדת פון דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע, וואס בשנה זו ווערט מאה שנה להתחלת הנשיאות שלו[103]. ווארום די הסתלקות פון רבי'ן מהר"ש איז געווען בשנת תרמ"ג, וזרח השמש ובא השמש[104], אז גלייך[105] הויבט זיך אן די נשיאות פון בנו ממלא מקומו דעם רבי'ן נ"ע.

- און -

---

96) וירא יח, כה. 97) מגילה ו, ריש ע"ב. 98) שבת פט, ב. 99) ישעי' לה, י. שם נא, יא. 100) תהלים קכו, ב. ברכות לא, א. 101) ראה תו"א תולדות יז, ג. סה"מ תקס"ב ע' 53. ועוד. 102) שיחת ש"פ וירא, כ"ף מרחשון סי"ט ואילך. 103) ראה "ראשי פרקים מתולדות ימי חיי אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע - "היום יום" בתחילתו. "פתח דבר" לסה"מ תרמ"ג-ד הערה 1. 104) קהלת א, ה. 105) ראה יומא לח, ב. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און דערביי האט מען געפרעגט די שאלה, דלכאורה, לויט ווי נשיא דורנו שרייבט אין די "ראשי פרקים" פון תולדות ימי חייו[106], "התחל מערבית ליל ר"ה תרנ"ד קבע מקום תפלתו בביהכנ"ס במקום שהתפלל כ"ק אביו אדמו"ר מהר"ש (– ער אז התפלל במקומו המיוחד לו בביהכנ"ס עוד בחיי אביו)", דארף אויסקומען אז התחלת נשיאותו איז געווען (ניט פון שנת תרמ"ג, נאר) תרנ"ד?

און מ'האט דאס מקשר געווען מיט דער שקו"ט אין הלכה וועגן דער משיחה פון א מלך בן מלך

– די נשיאות פון רבי'ן נ"ע איז דאך פארבונדן מיטן ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה, וואס דורך דעם קאתי מר מלכא משיחא[107], על שם ענין המשיחה. ועד"ז די נשיאות פון ממלא מקומו נשיא דורנו –

וואס דאס האט אויך א שייכות מיוחדת לשבת זו (בנוסף לזה וואס דאס קומט בהמשך צו (דאס וואס מ'האט גערעדט ב)שבת שלפנ"ז, ווארום אין די היינטיקע הפטורה[108] רעדט זיך וועגן דער משיחה פון שלמה המלך.

כג. מ'האט גערעדט אז א מלך בן מלך דארף דאך ניט האבן קיין משיחה[109], ס'איז אבער ניט דער פשט אז ביי אים איז ניטא דער ענין המשיחה, נאר אז די משיחה פון אביו איז א פעולה נמשכת אויף אים. ווי דער ראגאטשאווער איז אין דעם מאריך[110] (ווי מ'האט שוין אמאל גערעדט באריכות. און מ'האט דאס אויך דערמאנט בקיצור בהתוועדות הקודמת). מיטן חילוק צווישן דעם רמב"ם ורש"י[111].

ווי איז אבער אז עס איז דא אחיו הגדול וכו' און ס'איז ניט קלאר ווער ס'איז דער מלך – דעמאלט, דארף דער מלך בן מלך האבן א משיחה. ווי דער רמב"ם ברענגט[112] דערויף די דוגמאות. אנהויבנדיק מיט "לפיכך משחו שלמה מפני אדוני'".

– האט –

---

106) ב"מבוא" לקונטרס "חנוך לנער" (הוצאת קה"ת) ע' 12. 107) אנה"ק הידועה דהבעש"ט – נדפסה (גם) בכש"ט (הוצאת קה"ת בתחלתו). ובכ"מ. 108) מלכים א' קאפיטל א. 109) רמב"ם הל' מלכים פ"א הי"ב. הל' כלי המקדש פ"א הי"א. 110) צפע"נ (מלוקט) להל' כלי המקדש. 111) נסמן בצפע"נ שם. 112) הל' מלכים שם הל' כלי המקדש שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

האט מען אין דעם מבאר געווען, אז לשיטת הרמב"ם, איז די משיחה פון דעם מלך בן מלך ניט אויף צו אויפטאן ביי אים עניין המלוכה, נאר ס'איז בלויז אויף צו אראפנעמען א זייטיקן עניין, "כדי לסלק המחלוקת".

דאס איז נאר לשיטת הרמב"ם[112]; שיטת רש"י[113] איז, אז די משיחה פון א מלך בן מלך שיש עליו מחלוקת איז כדי אים צו מאכן א מלך[114].

כד. די ערשטער דוגמא וואס דער רמב"ם ברענגט, כנ"ל, איז פון משיחת שלמה מפני אדוני' - וואס וועגן דעם רעדט זיך דאך אין די היינטיקע הפטורה.

איז פון דעם סיפור בההפטורה לכאורה א ראי' לדעת הרמב"ם:

אין די הפטורה[108] רעדט זיך באריכה וועגן דער מחלוקת פון אדוני' צו ווערן א מלך, און ווי נתן הנביא האט געזאגט אז שלמה וועט זיין דער מלך נאך דוד, און דוד המלך האט געמאכט א שבועה אז "שלמה בנך ימלוך אחרי"[115]. און דורך דעם האט מען באווארנט אז אדוני' זאל ניט ווערן א מלך, נאר דווקא שלמה. דערנאך ווערט דערציילט (אין מלכים) ווי מ'האט בפועל מושח געווען שלמה (נאך בחיי דוד). אבער דער סיפור (וועגן משיחת שלמה) איז ניט ארייגעשטעלט געווארן אין די הפטורה.

ולכאורה: די הפטורה קומט דאך אויף דערציילן ווי אזוי מ'האט באווארנט אז שלמה המלך זאל בלייבן מלך און ניט אדוני'. איז אויב מ'זאל זאגן אז ער האט געמוזט האבן א משיחה אויף אויפטאן ביי אים עניין המלוכה (אבער פאר זיין משיחה איז ער כלל ניט קיין מלך) - האט מען געדארפט דערציילן אין די הפטורה וועגן דעם עיקר - אז מ'האט דערנאך מושח געווען שלמה (וואס דאס האט אים געמאכט פאר א מלך), און אין דעם האט געדארפט זיין דער עיקר אריכות?

פון דעם וואס דער עיקר אריכות אין די הפטורה

- איז -

----

113) כריתות ה, ב - ד"ה בזמן. 114) בכ"ז ראה שו"ת דברי נחמי' חאה"ע סמ"ח. שו"ת אבנ"ז יו"ד סשי"ב. שו"ת צפע"נ שם. 115) מלכים שם, יג.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

איז גאר וועגן מחלוקת אדוני' און אמירת נתן הנביא און שבועת דוד, און וועגן משיחת שלמה ווערט אינגאנצן ניט דערמאנט, איז א ראי' כשיטת הרמב"ם, אז אויך א מלך בן מלך שיש עליו מחלוקת האט די מלכות בירושה, און די משיחה איז בלויז "כדי לסלק המחלוקת".

און דערפאר דארף מען גארניט דערציילן אין דער הפטורה וועגן משיחת שלמה - ווייל אין דעם פאל, איז דער עיקר הענין וואס האט אויפגעטאן "לסלק המחלוקת", איז געווען אט דאס וואס נתן הנביא געזאגט אז שלמה וועט זיין מלך און די שבועה פון דוד אביו על זה, וואס דערמיט איז שוין נתברר געווארן לכל אז שלמה "ימלוך...אחרי" און די שפעטערדיקע משיחה איז בלויז געווען דער גמר הענין.

כה. אין שיטת הרמב"ם גופא, האט מען אויך דערמאנט[116], אז ער זאגט דעם דין אין צוויי ערטער, ובשינוי לשון ביניהם: אין הל' כלי המקדש והעובדים בו[117] שרייבט דער רמב"ם "מושחין אותו כדי לסלק המחלוקת ולהודיע לכל שזהו מלך לבדו", משא"כ אין הלכות מלכים ומלחמותיהם שרייבט ער בלויז "מושחין אותו כדי לסלק המחלוקת" און איז משמיט דעם צווייטן ענין ("ולהודיע לכל שזהו מלך לבדו").

און מ'האט דערויף געפרעגט, אז לכאורה איפכא מסתברא: אין הל' כלי המקדש רעדט זיך דאך (בעיקר) וועגן שמן המשחה, משא"כ אין הל' מלכים - האט די הדגשה, "להודיע לכל שזהו מלך לבדו", געדארפט שטיין (ניט אין הל' כלי המקדש, נאר) אין הל' מלכים?

און ווי דערמאנט דעמאלט, אז בדוחק וואלט מען געקענט ענטפערן ע"פ דעם כלל[118] אז דער רמב"ם פארלאזט זיך אויף וואס ער האט געשריבן אין א פריערדיקן ארט בספרו, ובמילא דארף ער ניט איבער'חזר'ן אין הל' מלכים אלע פרטים -

אבער נוסף לזה אז דא רעדט זיך בלויז וועגן געצײלטע ווערטער, איז עוד ועיקר: דער ענין פון "להודיע לכל שזהו מלך לבדו" איז א ענין עיקרי אין מלוכה, נאך מער ווי דער ענין פון "לסלק המחלוקת". "לסלק המחלוקת" איז צו אראפנעמען אן ענין שמחוצה לו,

- משא"כ -

----

116) שם סכ"ב. 117) שם. 118) יד מלאכי כללי הרמב"ם כלל ו.

משא"כ דער ענין פון "להודיע לכל שזהו מלך לבדו" איז אן ענין אין דער מלך עצמו (ניט אין א צווייטן) אז ער איז אזא וואס איז "מלך לבדו". היינט ווי קומט עס אז דער רמב"ם זאל משמיט זיין דעם ענין אין הל' מלכים?

כו. ווי גערעדט כמה פעמים, אז אויף גאר פשוט'ע ענינים כאפט מען זיך ניט. מ'האט וועגן דעם געשריבן גאנצע פלפולים און ארייגגעגאנגען אין דחוקים ודחוקי דחוקים, און געבראכט פון ראשונים ואחרונים, אבער אויף דעם פשוט'ן תירוץ, וואס איז א בעל-הבתי'שע סברא, איז מען ניט געפאלן (מלשון נפל על המציאה[119]).

- ווען מ'פרעגט א שאלה, איז די ערשטע זאך, הויבט מען אן זוכן אין ראשונים ואחרונים, וואס זאגט דער ראשון בענין זה, און וואס זאגט דער צווייטער וכו'; פארוואס זעצט מען זיך ניט פריער אליין אפלערנען און טראכטן און פרואוון פארשטיין דעם ענין...-

דער ביאור אין דעם: דער חילוק פון הל' כלי המקדש און הל' מלכים איז: אין הל' כלי המקדש רעדט זיך איבערהויפט וועגן דיני שמן המשחה, ובמילא וועגן דיני מלך (ד.ה. אלס פרט אין דעם ענין פון שמן המשחה ווערן געבראכט די דינים פון משיחת מלך). משא"כ אין הל' מלכים איז להיפך: דארט רעדט זיך וועגן דיני מלכים, ובמילא דיני השמן, וואס איינער פון די דינים פון א מלך איז - משיחת המלך.

דער חילוק בזה איז: אין דער ענין פון שמן המשחה, איז בלויז נוגע מלכי בית דוד, ווייל "אין מושחין ממנו (פון שמן המשחה) לדורות אלא כהנים גדולים.. ומלכי בית דוד בלבד"[120] (און ניט מלכי ישראל וואס נמשכין בשמן אפרסמון[121]). ד.ה. אין הל' כלי המקדש רעדט זיך נאר בקשר מיט משיחת מלכי בית דוד; משא"כ אין הל' מלכים, רעדט זיך דאך וועגן אלע מלכים - סיי מלכי בית דוד און סיי מלכי ישראל, ווי דער רמב"ם איז דארט מאריך אויך בדיני מלכי ישראל.

ועפ"ז איז מובן דעם חילוק הנ"ל אין לשון הרמב"ם: דער ענין פון "זהו מלך לבדו" - אז בלויז ער איז דער מלך - איז שייך בלויז ביי מלכי בית דוד. ווייל בשעת עס זיינען געווען מלכי ישראל, זיינען דעמאלט אויך געווען מלכי בית דוד בירושלים. ביי מלכי בית דוד

- אבער -

---

119) ראה ב"מ י, א (במשנה). 120) רמב"ם הל' כלי המקדש שם ה"ז. 121) רמב"ם שם הי"א. הל' מלכים שם ה"י.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

אבער קען זיין די מציאות אז "זהו לבדו".

אין דערפאר: אין הל' כלי המקדש, וואו מ'רעדט וועגן משיחת מלכי בית דוד, זאגט דער רמב"ם אז די משיחה פון דעם מלך בן מלך טוט אויף צוויי זאכן: "לסלק המחלוקת ולהודיע לכל שזהו מלך לבדו"; משא"כ אין הל' מלכים, וואו עס רעדט זיך וועגן מלכים בכלל - קען ער ניט זאגן אויך דער פרט פון "להודיע שזהו מלך לבדו" (וואס איז ניט שייך ביי מלכי ישראל), און דערפאר זאגט ער בלויז דעם ענין פון "לסלק המחלוקת".

כז. לויט דעם ביאור וועט אויך פארענטפערט ווערן נאך א קשיא אין סדר הרמב"ם:

בשעת דער רמב"ם זאגט די דינים פון משיחת מלך אין הל' כלי המקדש, שרייבט ער פריער[120]: "אין מושחין ממנו (משמן המשחה) אלא... (ו)מלכי בית דוד בלבד". אין דערנאך, כמה הלכות לאחרי זה[122], נאך דעם ווי ער זאגט דעם דין פון משיחת מלך בן מלך שהיתה שם מחלוקת, און ברענגט דערויף די דוגמאות פון שלמה ויואש ויהואחז, שרייבט ער: "וזה שמשח אלישע ליהוא לא בשמן המשחה משחו אלא בשמן אפרסמון".

ולכאורה תמוה ביותר: אט דער ענין, אז "וזה שמשח אלישע ליהוא לא בשמן המשחה משחו אלא בשמן אפרסמון" (ווייבאלד ער איז ניט פון מלכי בית דוד) - האט דער רמב"ם געדארפט באווארענען גלייך אין דער הלכה הנ"ל, וואו ער זאגט אז "אין מושחין ממנו אלא..מלכי בית דוד בלבד". פארוואס ווארט דער רמב"ם ביז כמה הלכות אחרי זה אויף צו זאגן דעם ענין?

וע"פ הנ"ל איז עס מובן בפשטות: אין הל' כלי המקדש איז ניט דער ארט צו זאגן די דינים ווי מען דארף מושח זיין מלכי ישראל. דא רעדט זיך איבערהויפט וועגן דיני שמן המשחה ובמילא וועגן דיני מלך (ושייך בלויז צו מלכי בית דוד) [ובהל' מלכים - ה"ה להיפך: דיני מלכים ובמילא דיני השמן].

נאר נאך דערויף ווי דער רמב"ם זאגט דעם דין פון משיחת מלך בן מלך "כדי לסלק המחלוקת ולהודיע לכל שזהו מלך לבדו", באווארנט ער "וזה שמשח אלישע כו'", וואס דערמיט איז דער רמב"ם שולל ביידע זאכן בבת אחת: אז משיחת יהוא אף שהיתה ג"כ בסוג דבי' עסיק - המדובר

- לפנ"ז -

---

122) בהלכה יא.

הנחת הת' בלתי מוגה

לפנ"ז בהלכה זו - המלכה במצב דמחלוקת[123] - האט ניט געהאט ביידע זאכן - ס'איז ניט געווען מיט שמן המשחה נאר מיט שמן אפרסמון; און ס'האט ניט אויפגעטאן דעם ענין פון "להודיע לכל שזהו מלך לבדו" (נאר בלויז "לסלק המחלוקת"*).

כח. נאך אן ענין אין משיחת המלך אין וועלכן מ'דארף בירור, וואס אויף דעם האט מען זיך ניט געשטעלט, כאטש מ'האט זיך געשטעלט אויף אלע פרטי פרטים:

דער רמב"ם אין הל' מלכים[124] שרייבט אז יהושע איז געווען א מלך (שמינהו משה רבינו ובית דינו), און אזוי אויך איז שאול געווען א מלך (שמינהו שמואל הרמתי ובית דינו).

דארף מען פארשטיין און האבן א בירור בנוגע צו משיחתם:

בנוגע צו יהושע שטייט ערגעץ ניט אז מ'האט אים מושח געווען**. שטעלט זיך די שאלה: ער איז דאך געווען א מלך, פארוואס האט מען אים ניט מושח געווען? און אויב מ'האט אים יע מושח געווען - פארוואס שטייט ניט וועגן דעם ערגעץ-וואו אין תורה? עס שטייען אין תורה כמה ענינים וואס משה האט געטאן אין ממנה זיין יהושע אלס מלך, סמיכת ידיו עליו[125] וכו' - היינט פארוואס שטייט ניט אין תורה וועגן אזא ענין עיקרי במינוי המלך ווי דער ענין המשיחה?!

ובפרט אז דער מושח וואלט געווען משה רבינו [ווייל תחלת מלכות יהושע איז געווען באותו יום ווען ס'האט זיך געענדיקט נשיאות משה, ווי די גמרא[126] זאגט אז "שבת של דיו זוגי היתה", און משה האט באותו היום באשטימט יהושע אלס מלך] - וואלט דאך די משיחה געהאט

- נאך -

---

*) ביהוא לא הי' "לסלק המחלוקת" ע"ד בשלמה וכו', כי: 1) לא הי' בן מלך. 2) הוא בעל המחלוקת.

**) עד"ז לא מצינו משיחה גבי משה לפי השיטה (רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ו הי"א. פיה"מ שבועות פ"ב מ"ב. ר"ח ורש"י שם טו, רע"א. וראה זבחים קב, א) שהי' מלך. אבל יש להסביר זה בקל, שנעשה מלך קודם הציווי דשמן המשחה ודיני מלך שבתושב"כ בכלל.

---

123) מ"ב ט, א ואילך. הוריות יא, ב. 124) פ"א ה"ג. 125) ברכה לד, ט. 126) סוטה יג, ב (הובא בפרש"י עה"פ האזינו לב, מד).

SichosKodesh.com

נאך א תוקף מיוחד מיט א נתינת כח מיוחדת.

בנוגע צו משיחת שאול שטייט בפירוש אין פסוק (אין שמואל[127]) "ויקח שמואל את פך השמן ויצק על ראשו וישקהו ויאמר הלוא כי משחך ה' גו'". מ'דארף אבער האבן א בירור צי דער פך השמן איז געווען שמן המשחה (ווי מ'האט שפעטער מושח געווען מלכי בית דוד) אדער שמן אפרסמון.

געפינט מען אין דעם א מחלוקת צווישן דעם רד"ק און דער רמב"ם[128]:

דער רד"ק בפירושו עה"פ אין שמואל [וואס דער רד"ק ווערט געבראכט בכ"מ אין חסידות בשמו, כאטש אין חסידות איז מען מצמצם וועמען מ'ברענגט בשמם. מ'ברענגט ניט דעם רד"ק אזויפיל ווי די מצודות, אבער אויך ער ווערט געבראכט בכ"מ] שרייבט: "את פך השמן - לא הי' זה השמן המשחה כי לא היו משוחים ממנו אלא מלכי בית דוד, אבל שמן אפרסמון הי'".

אבער דער רמב"ם אין הל' מלכים[129] שרייבט "כשמעמידין המלך מושחין אותו בשמן המשחה, שנאמר ויקח שמואל את פך השמן ויצק על ראשו וישקהו", אט דער פסוק וואס שטייט בא שאול. נעמט אן דער רמב"ם אז משיחת שאול איז געווען בשמן המשחה (וואס דערפאר קען מען דערפון ברענגען א ראי' אז "כשמעמידין המלך מושחין אותו בשמן המשחה"). און דברי הרמב"ם שפעטער אז די משוחים בשמן המשחה (מלכי בית דוד) איז בא זיי א מלכות לדורות - רעדט זיך דאס וועגן די מלכים נאך דוד (אבער ניט וועגן מלכות שאול).

וואס לפי דעת הרמב"ם בא משיחת שאול (אז זי איז געווען בשמן המשחה, כאטש ער איז ניט געווען פון מלכי בית דוד) ווערט נאך שטארקער די שאלה בא יהושע פארוואס מ'האט אים ניט מושח געווען בשמן המשחה: כשם ווי מ'האט מושח געווען שאול בשמן המשחה, כאטש ער איז ניט געווען פון מלכי בית דוד, האט מען אויך געדארפט מושח זיין יהושע בשמן המשחה אע"פ וואס ער איז ניט געווען פון מלכי בית דוד?

כט. פון דעם עניך אז מ'האט מושח געווען שלמה (מפני - אדוני') -

---

127) א' י, א. 128) בכ"ז - ראה גם שער יוסף (להחיד"א) הוריות יא, ב. 129) פ"א ה"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

אדוני׳) ווי דער רמב"ם ברענגט אראפ - האט מען א בירור איך נאך אן עניך בקשר מיט משיחת מלך, און גאר א חידוש גדול בזה:

אין ספר מלכים ווערט דערציילט (בהמשך צו די פסוקים פון היינטיקער הפטורה)[130] אז משיחת שלמה איז געווען בחיי דוד המלך.

שטעלט זיך א שטורעמדיקע שאלה: ס׳איז א כלל אז "אין מלכות נוגעת בחברתה"[131], ועד כדי כך איז עס אזוי ביז אז בשעת דוד המלך האט געבעטן בא דעם אויבערשטן אז אנשטאט נסתלק ווערן בשבת זאל ער נסתלק ווערן באחד בשבת, האט דער אויבערשטער אים געענטפערט "כבר הגיע מלכות שלמה בנך ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא"[132] - היינט ווי האט געקענט זיין משיחת שלמה נאך בימי דוד המלך?!

האט מען דערפון א חידוש נפלא - אז משיחת המלך קען זיין אין אן אופן אז דאס זאל חל זיין לאחרי זמן. ווי דאס איז געווען בא שלמה המלך, אז משיחתו בימי דוד איז געווען מיטן תנאי אז "שלמה בנך ימלוך אחרי", ד.ה. אז משיחתו איז געווען אין אן אופן אז דאס זאל חל זיין לאחרי זמן, נאך מיתת דוד.

ל. עפ"ז וועט מען פארשטיין א סיפור תמוה וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דערציילט, און ס׳איז שוין אפגעדרוקט[133], וכרגיל לויפט מען דורך די שיחות ווי א וואסער און דערנאך שטעלט מען עס אוועק אויף דער פאליצע און מ׳לאזט עס ליגן, אע"פ וואס אין דעם קען זיין א זאך וועלכע מ׳דארף פארשטיין:

דער רבי מהר"ש האט אמאל דערציילט, אז בשעת בנו האמצעי, דער רבי (מהורש"ב) נ"ע, איז געווען בן שלש שנים, האט דער צ"צ געזאגט צו דעם רבי׳ן מהר"ש: "דעם פך השמן הרוחני וואס מורנו הבעש"ט האט געגעבן להוד כ"ק תלמידו מורנו הרב המגיד ממעזריטש למשוח את הוד כ"ק אאזמו"ר הרה"ק רבינו הזקן, למשוח אותו לנשיאות לדורותיו, איז בכח זה נמשח כ"ק חותני הרה"ק ואני הנה בכח זה משחתי אותך ובכח זה הנני מושחו".

וואס כאמור, מ׳לויפט דורך די שיחה און מ׳שטעלט

- זיך -

---

130) מלכים שם, לד. 131) שבת ל, סע"א. וש"נ.
132) שבת שם. 133) סה"מ תש"י ע׳ 163.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

ניט אפ אויף א שטורעמדיקע קשיא על זה: ס'איז דאך "אין מלכות נוגעת בחברתה" - היינט ווי האט געקענט זיין די משיחה פון דעם רבי'ן מהר"ש נאך בחייו פון דעם צ"צ, ווען דער צ"צ איז געווען דער נשיא?! און דערצו נאך די משיחה פון דעם רבי'ן נ"ע, וואס נשיאותו וועט זיך ערשט אנהויבן לאחרי נשיאות אביו, דער רבי מהר"ש, וועלכע האט זיך נאך ניט אנגעהויבן (ווייל דער צ"צ איז נאך געווען דער נשיא)?!

ע"פ הנ"ל, אז משיחה קען זיין באופן אז דאס זאל חל זיין לאחרי זמן, איז דאס מובן*.

לא. ויה"ר אז דורך לימוד הלכות מלכים ונשיאים, והלכות שמן המשחה, בזמן ווען ס'איז ניטא קיין משיחה בגשמיות - זאל זיין דער "ונשלמה פרים שפתינו"[134].

וע"ד מארז"ל[135] "כל העוסק בתורת כו' כאילו הקריב כו', ויתרה מזו ווי עס שטייט[136] בנוגע צו לימוד הלכות בית המקדש, אז דורך לימוד מוצאיו ומובאיו איז "בנין ביתי" ניט "בטל" - אזוי אויך בנוגע צו לימוד הלכות מלכים ונשיאים והלכות שמן המשחה.

מ'דארף דאך אבער האבן, ווי דער רבי מהר"ש האט געזאגט[137], מלכא משיחא בפועל ממש למטה מעשה טפחים, אלס א מלך בשר ודם (ווי דער רמב"ם פסק'נט[138]), וועלכער וועט ארויסנעמען אידן פון גלות כפשוטו - זאל דאס זיין בפועל ממש, בגאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

* * *

- לב. -

---

*) ואין להכריח מסיפור זה שנשיאות כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע הותחלה מיד לאחרי הסתלקות אביו כ"ק אדמו"ר מהר"ש (עוד לפני אמירת המאמר ד"ה כתר יתנו בחג הסוכות) (ראה שיחת ש"פ וירא, כ"ף מרחשון סכ"ג ואילך) מצד זה שמיד אחרי "וזרח השמש (היתה) ובא השמש" - שהרי בבן מלך קטן הדין הוא שמחכים עד שיגדל. וכמובן גם מפשט מאחז"ל (יומא לח, ב) עה"פ "וזרח השמש ובא השמש" - "אין צדיק נפטר מן העולם עד שנברא (היינו שנולד) צדיק כמותו", שהכוונה בזה הוא לא שתיכף מ"שנברא" (שנולד) התחיל נשיאותו, כ"א כשיגדל.

---

134) הושע יד, ג. וראה בארוכה שיחת ש"פ האזינו, שבת שובה ש.ז. סכ"ח ואילך. סנ"ח. 135) מנחות בסופה. 136) תנחומא צו יד. 137) לקו"ש ח"ו ע' 80 הערה 70. חי"ח ריש ע' 491. ועוד. 138) הל' מלכים פי"א ה"ד.